**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/6/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול מעלדט 100 מיליאן אין פעדעראלע פאנדינג יעצט דא צו באקומען פאר גאר-שנעלע בראודבענד אינפראסטרוקטור דורך עפארדעבל האוזינג פארבינדונג פראגראם**

***די פראגראם צילט צו פארבינדן 100,000 עפארדעבל האוזינג יוניטס מיט גאר-שנעלע בראודבענד אינפראסטורקטור דורך שותפות צווישן עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט'ס ConnectALL אפיס און ניו יארק סטעיט היימען און געמיינדע באנייאונג***

***ערגענצט גאווערנער האקול'ס פעסטע אגענדע צו אדרעסירן ניו יארק'ס האוזינג קריזיס - ארייגנערעכנט פינף-יאר, $25 ביליאן האוזינג פלאן צו בויען און פרעזערווירן 100,000 עפארדעבל יוניטס און עקזעקיוטיוו שריט צו אויסהייבן האוזינג וואוקס***

***ביטע פאר אפילקאציעס פון אינטערנעט סערוויס פראוויידערס צו באקומען[דא]()***

***סורווע' פאר פראפערטי אייגנטומער וואס זוכן צו ווערן גענומען אין באטראכט פאר קיין-קאסט בראודבענד אפגרעידס צו באקומען [דא]()***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן אז אפילקאציעס זענען יעצט אפן פאר די $100 מיליאן עפארדעבל האוזינג קאנעקטיוויטי פראגראם, א שותפות געפירט דורך עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט'ס ConnectALL אפיס אין בארעטומג מיט ניו יארק סטעיט היימען און געמיינדע באנייאונג צו צייכענען און אינסטולירן בראודבענד אינפראסטרוקטור ביי 100,000 עפארדעבל האוזינג יוניטס איבער ניו יארק סטעיט. די פראגראם, וואס איז פעדעראל געפאנדעט דורך די טרעזורי דעפארטמענט'ס קאפיטל פראיעקטן פאנד אונטער די אמעריקען רעסקיו פלאן אקט, איז די גרעסטע געצילטע אינוועסטירונג אין עפארדעבל האוזינג פארבינדונג אין די לאנד. די ביטע פאר אפילקאציעס איז צו באקומען[דא]()

"אלס טייל פון מיין אדמיניסטראציע'ס פארפליכטונג צו בויען זיכערע, סטאבילע, עפארדעבל האוזינג, טוען מיר אויסנוצן א $100 מיליאן פעדעראלע אינוועסטירונג צו געבן ניו יארקער איינע פון די מערס וויכטיגע הויז איינריכטונגען וואס מיר קענען צושטעלן - צוטריט צו גאר-שנעלע אינטערנעט," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מיט ארבעט, שולע, און וויכטיגע רעגירונג סערוויס ווערנדיג דיגיטאל, דארפן עפארדעבל היימען עפארדעבל, פארלעסליכע בראודבענד, און די פאנדינג וועט העלפן בויען אונזערע באמיאונגען צו בויען האוזינג אויסגעשטאט מיט די פשוט'ע געצייג וואס ניו יארקער דארפן צו מצליח זיין. איך דאנק די ניו יארק דעלעגאציע פארן שטיצן ניו יארק'ס עפארדעבל האוזינג קאנעקטיוויטי פראגראם און פאר זייער שותפות אין העלפן שאפן האוזינג ווי ניו יארק'ס פאמיליעס קענען נישט נאר וואוינען נאר בליען."

ניו יארק'ס עפארדעבל האוזינג קאנעקטיוויטי פראגראם איז א קאנקורירנדע גרענט פראגראם אויסגעשטעלט צו פאנדן גאר-שנעלע, פארלעסליכע בראודבענד אינפראסטרוקטור צו און אין נידריגע-איינקונפט האוזינג געביידעס. אינטערנעט סערוויס פראוויידערס ווערן גערופן זיך צו איינגעבן פאר 100$ מיליאן אין פעדעראלע פאנדינג פאר איינרישטונגען צו צושטעלן אינטערנעט אינפראסטרוקטור אין עפארדעבל האוזינג רענטאל יוניטס צו אויסהאלטן גאר-שנעלע אינטערנעט.

פראפערטי אייגנטומער מוזן אויספולן [א סורוועי](#) צו ווערן גענומען אין באטראכט פאר קיין-קאסט בראודבענט פארבעסערונגען צו זייערע געביידע. ConnectALL וועט פארן בארעכטיגטע פראפערטיס מיט די בעסטע פארשלאגן פון אינטערנעט סערוויס פראוויידערס צו פארענדיגן די אינסטאלירונג.

די עפארדעבל האוזינג קאנעקטיוויטי פראגראם ערגענצט גאווערנער האקול'ס פעסטע אגענדע צו פארמערן די סופליי פון האוזינג, אריינגערעכנט עפארדעבל האוזינג, און אדרעסירן ניו יארק'ס האוזינג קריזיס. פריער דאס יאר, האט די גאווערנער געמאלדן א פעקל פון עקזעקיוטיוו שריט צו אויסהייבן האוזינג וואוקס איבער ניו יארק סטעיט, אריינגערעכנט: די פריאריטיזירונג פון פר-האוזינג געמיינדעס פאר 650$ מיליאן אין סטעיט גרייטע פאנדינג; א סטעיטווייזע אפשאצונג פון סטעיט-באזיצטע פלעצער פאר פאטענציאלע האוזינג געלעגנהייטן; די אנהויב פון אן איניציאטיוו צו אדרעסירן רעגולירנדע געגנשטאנדן צו האוזינג פראדוקציע; און די שאפונג פון א פראגראם צו פארשנעלערן האוזינג וואוקס אין די גאוואנוס טייל פון ברוקלין. אלס טייל פון די פיסקאל יאר 2023 בודזשעט, האט גאווערנער האקול אויך פארזיכערט פאנדינג פאר א פינף-יאר, 25$ ביליאן האוזינג פלאן צו בויען און פרעזערווירן 100,000 עפארדעבל היימען.

**ניו יארק'ס ConnectALL איניציאטיוו**
גאווערנער האקול האט געשאפן די 1.3$ ביליאן ConnectALL איניציאטיוו, די גרעסטע אינוועסטירונג אין ניו יארק'ס 21סטע יאר הונדערט אינפראסטרוקטור, אלס טייל פון איר 2022 סטעיט אוו די סטעיט אדרעס. ConnectALL איז אויסגעשטעלט צו פארמאכן ניו יארק'ס דיגיטאלע טיילונג, טראנספארמירן די סטעיט'ס דיגיטאלע אינפראסטרוקטור, און פארזיכערן אז אלע ניו יארקער האבן צוטריט צו פארלעסליכע און עפארדעבל גאר-שנעלע בראודבענד אינטערנעט סערוויס. איבער די לעצטע יאר, האט די ConnectALL אפיס דורכגעפירט אויסהערן סעסיעס, סורוועיס, און פאקוס גרופעס אין יעדע ראיאן פון די סטעיט און צוזאמגערופן אינדוסטריע און סטעיקהאלטער פארומס צו אויסשטעלן איר אייגנארטיגע גרענט פראגראמען.

ConnectALL האט מאבילידירט א סטעיטווייזע פראוו צו סופלעמענטירן פעדעראלע בראודבענד דאטא, פארזיכערנדיג איבער 664$ מיליאן אין פעדעראלע פאנדינג צו אדרעסירן אונטערסערווירטע און אונטערפארזארגטע דארפישע געגנטער, אין צוגאב צו די 100$ מיליאן אוועילעבל פאר די עפארדעבל האוזינג קאנעקטיוויטי פראגראם. ESD'ס ConnectALL אפיס האט לעצטנס [פארעפנטליכט ](#) פארלאגעס פון ניו יארק סטעיט'ס בראודבענד גלייכקייט, צוטריט, און איינזאץ ערשטע פארשלאג, וואלס 1 & 2, און די סטעיט'ס דיגיטאלע עקוויטי פלאן. די פלענער וועלן העלפן פירן פאבליק אינוועסטירער צו מאכן הויכע קוואליטעט, עפארדעבל, פארלעסליכע בראודבענד צוגענגליך פאר אלע ניו יארקער. די פאבליק איז געמוטיגט צו ליינען די פלענער אויף [www.broadband.ny.gov](#).

ConnectALL טוט ווייטער ארבעטן מיט סטעיט אגענטורן און געמיינע שותפים צו אויסהייבן די פעדעראלע קאמיוניקאציעס קאמישינאר'ס עפארדעבל קאנעקטיוויטי פראגראם, וואס האט יעצט מער ווי 1.6 מיליאן ניו יארק הויזגעזינט איינגעשריבן פאר איר מאנאטליכע סאבסידי פון 30$, ברענגנדיג נאנט צו 50$ מיליאן אין בראודבענד שפארעניש פאר די הויזגעזינט יעדע מאנאט.

**סענאט מאיאריטעט פירער טשאק שומער האט געזאגט,** "$100 מיליאן האב איך פארזיכערט אין די אמעריקען רעסקיו פלאן איז יעצט דא צו פארבינדן טויזענטער פאמיליעס און איינוואוינער איבער ניו יארק מיט הויכע-קוואליטעט אינטערנעט סערוויס. פון דארפישע געמיינדעס צו שפרודלדיגע שטאטישע געגנטער, האבן צופיל ניו יארקער זיך געמוטשעט צו שאפן עפארדעבל, גאר-שנעלע בראודבענד, אבער מיט אפליקאציעס יעצט אפן פאר די עפארדעבל האוזינג קאנעקטיוויטי פראגראם, זענען מיר איין טריט אוועק צו פארמאכן די דיגיטאלע טיילונג. די אינטערנעט איז נישט קיין לוקסעס, עס איז א נויטווענדיגע אינפראסטרוקטור און די פאנדינג וועט העלפן ניו יארקער זיך פארבינדן מיט נייע געלעגנהייטן, עדיוקעישן, העלטקעיר און אזויפיל מער גלייך אין זייערע היימען. צוזאמען מיט גאווערנער האקול, טוען מיר נעמען שטארקע טריט צו טראנספארמירן אונזער סטעיט'ס דיגיטאלע לאנדשאפט, און שטיצן גלייכע אינטערנעט צוגענגליכקייט צו העלפן ניו יארקער בליען אין די היינטיגע 21סטע יאר הונדערט עקאנאמיע."

**סענעטאר קירסטען דזשיליברענד האט געזאגט,** "געצוימטע צוטריט צו פארלעסליכע גאר-שנעלע אינטערנעט מאכט עס שווערער פאר קינדער צו טוהן זייער היימארבעט, פאר עלטערע צו צוקומען צו טעלעהעלט אפוינטמענטס, און פאר ארבעטער צו אויסנוצן ארבעטן פונדערהיים געלעגנהייטן. הויכע-קוואליטעט אינטערנעט איז מער נישט א לוקסעס - עס איז א נויטווענדיגקייט פאר יעדן טאגיגן לעבן. די פעדעראלע פאנדיג וועט ברענגען בראודבענד צו עפארדעבל האוזינג יוניטס איבער ניו יארק און פארבעסערן די קוואליטעט פון לעבן פאר ניו יארק פאמיליעס. איך בין שטאלץ צו האבן געקעמפט צו דורכפירן די אמעריקען רעסקיו פלאן צו פארזיכערן די פאנדינג און איך וועל העלפן קעמפן פאר פעדעראלע הילפסמיטלען צו פארמאכן די דיגיטאלע טיילונג איינמאל פאר אלעמאל."

**רעפרעזענטאטיוו דזשערי נאדלער האט געזאגט,** "גאר-שנעלע בראודבענד איז מער נישט א לוקסעס - עס איז א נויטווענדיגקייט. א דאנק די אמעריקען רעסקיו פלאן, טוען דעמאקראטן דעליווערן עפארדעבל אינטערנעט צוטריט צו נידריג-איינקונפט היימען איבער אונזער סטעיט, האלטנדיג ניו יארקער פארבינדן מיט זייערע פאמיליעס ווי אויך קאריערע און שטודירונג געלעגנהייטן."

**רעפרעזענטאטיוו גרעגארי מיקס האט געזאגט,** "גאר-שנעלע בראודבענד אינפראסטרוקטור צו זיין צו באקומען אין עפארדעבל האוזינג איז צענטראל פאר ניו יארקער. עפארדעבל האוזינג פארבינדונג טוט אויפשפארן אומצאליגע געלעגנהייטן פאר איינוואוינער. די $100 מיליאן אין פעדעראלע פאנדס טוט אינוועסטירן אין פערזענליכע און פראפעסיאנאלע אנטוויקלונג דורך ערלויבן מענטשן צו האבן צוטריט צו קריטישע קוועלער ווי אנליין לערנונגען, ארבעטן פונדערהיים, טעלעהעלט סערוויסעס און א וועלט פון אינפארמאציע ביי זייער האנט. איך בין א גרויסער לייסטערער פון אינטעגרירן גאר-שנעלע בראודבענד אריין צו עפארדעבל האוזינג ווייל מיר טוען פארמאכן די דיגיטאלע טיילונג. מיר טוען אנערקענען אז די אינטערנעט איז נישט א לוקסעס נאר נויטיג אין מאדערנע געזעלשאפט. די פעדעראלע פאנדס העלפט שאפן אינקלוסיוויטעט צווישן אונזער געמיינדעס, ווי יעדער, אפגעזען פון זייערע עקאנאמישע צושטענדן, האט די נויטיגע געצייג צו מצליח זיין."

**רעפרעזענטאטיוו ברייען היגינס האט געזאגט,** "צוטריט צו קוואליטעט, גאר-שנעלע אינטערנעט איז א נויטווענדיגקייט אין די היינטיגע וועלט - פאר שולע, ארבעט, און פאר גלייכע געלעגנהייט. קאנגרעס האט דורכגעפירט די אמעריקען רעסקיו פלאן צו העלפן מענטשן, ביזנעסער און געמיינדעס צוריקקומען שטערקער נאכפאלגנדיג די פאנדעמיע. איך באגריס גאווערנער האקול'ס פירערשאפט און פאראויס רוקן בראודבענד אימפלעמענטירונג און גלייכקייט."

**רעפרעזענטאטיוו פאול טאנקא האט געזאגט,** "עס איז שוין לאנג געוווען די פאל אז בראודבענד אינטערנעט איז א נויטווענדיגע געצייג אין אונזער 21סטע יאר הונדערט עקאנאמיע - צו עס איז צו פארענדיגן היימארבעט, צוטריט צו טעלעמעדיצין, אריינגעבן אן ארבעט אפליקאציע, אדער פשוט זיך פארבינדן מיט באליבטע און די ברייטערע געמיינדע. פאר יארן האב איך געשטופט אויף א פעדעראלע

שטאפל צו פארבעסערן צוטריט און באצאלבארקייט צו בראודבענד, אריינגערעכנט דורך מיין ACCESS BROADBAND געזעץ און פראוויזיעס אין די אמעריקען רעסקיו פלאן. איך בין צופרידן צו זעהן די וויכטיגע אינוועסטירונגען ווערן געלייגט צו גוטע באנוץ פאר אונזער ניו יארקער געמיינדעס און איך וועל ווייטער ארבעטן צו מאכן זיכער אז יעדער איבער אונזער סטעיט קען באצאלן און האבן צוטריט צו פארסלעסליכע אינטערנעט."

**רעפרעזענטאטיוו גרעיס מענג האט געזאגט,** "אין קאנגרעס, בין איך שטאלץ צו האבן געשאפן איבער $7 ביליאן עמערדזשענסי קאנעקטיוויטי פאנד וואס האט פארמערט אינטערנעט צוטריט דורכאויס אונזער סטעיט און לאנד אריינגערעכנט אין שולעס און ביבליאטעקן אין מיין קאנגרעסניאלע דיסטריקט אין קווינס. איך בין גליקליך איבער די $100 מיליאן אויך אזוויי איך האב לאנג געשטיצט פארבינדן מער פון אונזערע עפארדעבל האוזינג יוניטס צום אינטערנעט. יעדער פארדינט צוטריט צו פארלעסליכע, עפארדעבל און גאר-שנעלע בראודבענד, און ווי די ניו יארק פארשטייער אויף די ראיאנאלע פירערשאפט קאנסול, בין איך איבערגליקליך צו זעהן מער פעדעראלע פאנדינג גיין צו אונזער סטעיט. א דאנק גאווערנאר האקול פאר איר פירערשאפט אויף די אישו."

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט פרעזידענט, CEO און קאמישינאר האופ נייט האט געזאגט,** "האבן פארלעסליכע, צוגענגליכע און עפארדעבל בראודבענד איז נויטווענדיג צו אונזער עקאנאמיע און די קוואליטעט פון אונזער לעבן. די פראגראם איז א לעבנסוויכטיגע באשטאנדטייל פון גאווערנער האקול'ס ConnectALL איניציאטיוו און וועט פארבינדן אלע ניו יארקער, ספעציעל אין געמיינדעס וואס זענען היסטארישע געווארן פארלאזט."

**ניו יארק סטעיט אסאוסיעשן פאר עפארדעבל האוזינג פרעזידענט און CEO דזשאולי מילסטין האט געזאגט,** "בראודבענד קאנעקטיוויטי איז מער נישט א לוקסעס - עס איז א נויטווענדיגקייט. מיט אפליקאציעס אפיציעל אפן, קען די ConnectALL פראגראם פארזיכערן אז טויזענטער ניו יארקער האבן בעסערע צוטריט צו ארבעט און שטודירונג געלעגנהייטן איבער די סטעיט. באגריסונגען צו די האקול אדמיניסטראציע אויף די אנהויב, און מיר קוקן ארויס איינשטעלן די קריטישע הילפסמיטלען צו מאדערניזירן איינרישטונגען איבער אונזער עפארדעבל האוזינג פארטפאליא."

די $100 מיליאן אינוועסטירונג אין ניו יארק סטעיט קומט פון די $10 ביליאן אין די אמעריקען רעסקיו פלאן'ס קאפיטל פריעקטן פאנד. דאס איז אין צוגאב צו די היסטארישע פעדעראלע פאנדינג וואס איז געווארן באשטעטיגט אין די אומפארטייאישע אינפראסטרוקטור און דזשאבס געזעץ, וואס נעמט אריין א רעקארד $65 ביליאן פאר די אויסברייטערונג פון גאר-שנעלע אינטערנעט צו פארינדן די אונטערסערווירטע, מאכן אינטערנעט עפארדעבל, און צושטעלן הילפסמילען פאר דיגיטאלע ליינען. די אומפארטייאישע אינפראסטרוקטור געזעץ און די אמעריקען רעסקיו פלאן טוען ארבעטן צוזאמען צו פארמאכן די דיגיטאלע טיילונג - צושטעלנדיג צוטריט צו גאר-שנעלע אינטערנעט אין אונטערסערווירטע געמיינדעס און נידערנדיג קאסטן פאר די וואקס קענען זיך נישט ערלויבן.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן